אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.




זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת מקץ-חנוכה תשפ"ד

גליון 446

## אמרות שמשון

### די סכום טעג וואס דער שר המשקים האט פארגעסן פון יוסף

**וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים** (מא, א). עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה מא, א) וויבאלד יוסף הצדיק האט געבעטן דער 'שר המשקים' זאל אים דערמאנען פאר פרעה, איז ער פארבליבן נאך צוויי יאר אין תפיסה, וויבאלד ער האט זיך פארלאזט אויפן שר המשקים, ווי איידער זיך פארלאזן אויפן אויבערשטער.

**מען** קען זאגן אז דאס איז מרומז אינעם פסוק (מ, כג) **וְלֹא זָכַר שַׂר הַמַּשְׁקִים אֶת יוֹסֵף 'וַיִּשְׁכָּחֵהוּ'**. א יאר פארמאגט אין זיך שס"ה יום (365 טעג) און צוויי יאר פארמאגט תש"ל יום (730 טעג). און דער שר המשקים איז נאר ארויס פון תפיסה דריי טעג שפעטער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מ, כ) **וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וגו' וַיִּשָּׂא אֶת רֹאשׁ שַׂר הַמַּשְׁקִים וגו'**.

**קומט** אויס, טראץ וואס יוסף איז פארבליבן גאנצע צוויי יאר אין תפיסה, אבער דער שר המשקים האט פארגעסן יוסף צוויי יאר וויניגער מיט צוויי טעג (וויבאלד נאר פון דעם דריטן טאג און ווייטער וואלט ער געקענט דערמאנען יוסף פאר פרעה), וואס דאס קומט אויס תשכ"ח יום (728 טעג), און דאס איז מרמז אינעםווארט **'תשכח'** (וואס טייטשט פארגעסן, און איז בגימטריא די סכום פון טעג וויפיל דער שר המשקים האט אים פארגעסן).

**דאס** קען מען אויך זיין מרומז אינעם פסוק **שְׁנָתַיִם יָמִים** (לכאורה פארוואס דארף דער פסוק צולייגן 'ימים'), די טעג וואס דער שר המשקים האט נישט דערמאנט יוסף פאר פרעה, איז געווען 'שנתים' צוויי יאר וויניגער מיט 'ימים' צוויי טעג. (אות ד' ד"ה ועוד י"ל)

### צוויי יאר תפיסה אנטקעגן צוויי יאר וואס יעקב שיקט מתנות פאר עשו

**וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים** (שם). עס שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני בראשית רמז קמ"ז), די סיבה פארוואס יוסף האט געדארפט ווארטן נאך צוויי יאר (נאך די מעשה פונעם שר המשקים), איז געווען כדי פרעה זאל חלומ'ען א חלום, און דורכדעם זאל יוסף הצדיק ארויסקומען פון תפיסה.

**לכאורה** איז דאס זייער שווער, אויב איז שוין געקומען די צייט אז יוסף זאל ארויסקומען, וואלט דער אויבערשטער געקענט מאכן אז פרעה זאל גלייך נאכדעם חלומ'ען די חלומות, אזוי וועט יוסף גלייך ארויסקומען פון תפיסה.

**מען** קען ערקלערן פארוואס עס איז צוגעלייגט געווארן נאך צוויי יאר, לויט ווי עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה עח, טז), נאכדעם וואס יעקב האט זיך געטראפן מיט עשו, שטייט אין פסוק (לג, יז) **וְיַעֲקֹב נָסַע סֻכֹּתָה וַיִּבֶן לוֹ בָּיִת**, און ער איז דארט פארבליבן צוויי יאר. דער מדרש לייגט צו, יענע צוויי יאר האט יעקב אבינו געשיקט יעדן חודש מתנות פאר עשו, כדי ער זאל זיך בארואיגן פון זיין כעס.

**אבער** באמת וואלט דאס יעקב נישט געדארפט טון, ער וואלט זיך געדארפט גענצליך פארלאזן אויפן אויבערשטן וואס האט אים צוגעזאגט ער וועט אים אפהיטן. פאר די חטא האט יוסף הצדיק זיך געדארפט אויפהאלטן נאך צוויי יאר אין תפיסה, אנטקעגן די צוויי יאר וואס יעקב אבינו האט געשיקט מתנות פאר עשו הרשע. (אות ה' ד"ה והענין הוא)

### יוסף הצדיק ווערט גרויס דוקא דורך א חלום

**וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים וּפַרְעֹה חֹלֵם** (שם). עס שטייט אין מדרש (שם) די סיבה פארוואס יוסף איז פארבליבן אין תפיסה ביז די חלום פון פרעה, וויבאלד דער אויבערשטער האט געוואלט אז יוסף הצדיק זאל ארויסקומען פון תפיסה און גרויס ווערן דורך א חלום.

**מען** קען ערקלערן פארוואס דער אויבערשטער האט געוואלט אז יוסף זאל גרויס ווערן דוקא דורך א חלום, וויבאלד די ברודער האט פיינט געהאט יוסף סיי צוליב די לשון הרע וואס ער האט פארציילט פאר יעקב, און סיי צוליב די חלומות וואס ער האט גע'חלומ'ט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (לז, ח) **וַיּוֹסִפוּ עוֹד שְׂנֹא אֹתוֹ 'עַל חֲלֹמֹתָיו וְעַל דְּבָרָיו'**.

**אבער** אינ'אמת'ן טראץ וואס די לשון הרע איז געווען א חטא, איז די חלומות בכלל נישט געווען קיין חטא, וויבאלד דאס זענען געווען אמת'ע חלומות וואס מען האט אים געוויזן פון הימל (אזוי ווי עס האט ווירקליך שפעטער פאסירט), און די שבטים האבן נישט געהאט קיין סיבה אים צו פיינט האבן וועגן די חלומות.

**דעריבער** האט יוסף הצדיק געדארפט זיין אין תפיסה, אלס דער חטא פון לשון הרע, אבער איינמאל ער איז שוין אפגעקומען די עבירה, האט דער אויבערשטער געוואלט ער זאל דוקא גרויס ווערן דורך א חלום, צו ווייזן אז די חלומות איז געקומען פון הימל, און עס איז בכלל נישט געווען קיין חטא. (אות ה' ד"ה והטעם)

זרע שמשון
בקרוב גם באידיש!
ספר
זרע שמשון
יום יום
להשיג בכל חנויות הספרים



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!
שמות התורמים יתברכו
אצל גדולי הדור שליט"א
בשעת לימודם
בספר זרע שמשון.
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

הוצאת הגליון
והפצתו לזכות

לעילוי נשמת

הרה"ח רבי משולם
זושא ב"ר זלמן צבי
ליבוביץ ז"ל
נלב"ע י"ז בכסלו תשע"א
וזוגתו מרת
הניה ב"ר יעקב
ע"ה
נלב"ע כ"ט בכסלו תשס"ד

האשה הצדקנית
דורה בת אסתר
ע"ה
נלב"ע י"ט תשרי תשפ"ו

רבי ישראל ב"ר
זיידל קפלן ז"ל
נלב"ע ל' כסלו נר שישי של
חנוכה תשע"א
הוקדש ע"י אחיו
יעקב קפלן הי"ו

מזכה הרבים ועוסק
בצדקה וחסד לרוב
רבי ניסים בן שרה
ז"ל מוגרבי
נלב"ע י"ג סיון תשפ"ה

האשה היקרה
מסעודי אודיל
בת מזל טוב ע"ה
נלב"ע כ"ט כסלו
ת.נ.צ.ב.ה.

ישועות וברכות

אליאס בן אסתריה
ובנו
רפאל בן סופיה
שיזכו להצלחה וברכה מיוחדת
בכל עסקיהם עושר וכבוד מתוך
נחת ויתבשרו כבר בימים אלו
בשורות טובות

מרדכי בן רחל
לישועה והצלחה בכל העניינים
בריאות איתנה פרנסה בשפע
מתוך מנוחת הגוף והנפש בלי
שום הפרעות ורדיפות ושיתבשר
בשורות טובות בקרוב ממש

אשר אנשיל דוד
הלוי בן נילי
לשפע ברכה והצלחה גדולה בכל
עושר ואושר
ובשורות טובות בקרוב

ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
להצלחה גדולה בכל מעשי ידיו
ופריצת דרך בעסקיו בקרוב ויזכה
לשפע ועושר רב

שרה שרון בת
סופיה · יוכבד
ג'ובנה בת מירב
תמר · אוראל משה
בן לימור · שלום
בן לילי
שיזכו לזיווג הגון מתוך אושר נחת
ושמחה בקרוב ממש

## ולעמך ישראל עשית תשועה גדולה ופורקן כהיום הזה

**די יסוד** פונעם 'יום טוב חנוכה' קומט צוליב דעם וואס די יונים האבן געוואלט אויסרייסן תורה און מצות, און גוזר געווען אויף כלל ישראל שווערע גזירות כדי מען זאל נישט קענען מקיים זיין תורה און מצות, און ווען די חשמונאים האבן באזיגט די יונים, האבן חז"ל געמאכט א יום טוב אויף די נצחון וואס די אידן האבן געהאט, אז מען קען שוין מקיים זיין תורה און מצות אומגעשטערט.

מיט דעם קען מען ערקלערן פארוואס האבן חז"ל געזאגט מען זאל צינדן חנוכה לעכט ביי '**פתח הבית**' (שבת כא:), ווייל פון דארט פלעגן די יונים אריינקומען צו די אידישע הייזער זען צו זיי זענען מקיים תורה און מצות באהאלטענערהייט, דעריבער צינדט מען ביים טיר צו ווייזן אז היינט קען מען שוין מקיים זיין מצות אן קיין שטער.

אזוי אויך איז די מצוה צו צינדן '**משתשקע החמה**' (שם), וויבאלד בייטאג דערקענט מען נישט די ליכטיגקייט פון די לעכט, און דערמיט איז מען מרמז אז מען קען שוין מקיים זיין תורה און מצות וואס שיינט און לייכט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ו, כג), **כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר**. דעריבער צינדט מען ביינאכט עס זאל דערקענט ווערן די ליכטיגקייט פון די לעכט וואס איז מרמז אויף מצות. (מקץ אות א' ד"ה וכבתה, ועיי"ש עוד רמזים)

## כי נר מצוה ותורה אור

**בפשטות** לערנט מען אז די סיבה פארוואס חז"ל האבן מתקן געווען מען זאל צינדן חנוכה לעכט, איז אלס זכר צו די נס וואס האט פאסירט אז די מנורה אין ביהמ"ק האט געברענט פאר אכט טעג.

לויט דעם דארף מען לכאורה פארשטיין דער שיטת הרמב"ם (פ"ג מהל' תמידין ומוספין ה"ט) וואס האלט אז מען האט געצינדן די מנורה אין ביהמ"ק סיי אינדערפרי און סיי ביינאכט, אויב אזוי וואלט מען חנוכה אויך געדארפט צינדן אינדערפרי און ביינאכט, וויבאלד עס איז געווען א דאפעלטע נס (אז פון דער קריגל אויל האט מען געקענט צינדן אינדערפרי און ביינאכט).

נאר דער פשט איז אז די חנוכה לעכט איז מרמז אויף דער גרויסער נס וואס דער אויבערשטער האט געמאכט, אז מען קען שוין מקיים זיין תורה און מצות, וואס דאס איז די גרויסע ליכטיגקייט. דעריבער האבן חז"ל מתקן געווען מען זאל צינדן לעכט, וואס איז מרמז אויף די גרויסע ליכטיגקייט וואס האט דעמאלטס אויפגעשיינט פאר כלל ישראל.

דערמיט פארשטייט מען פארוואס מען צינדט נישט חנוכה לעכט אינדערפרי, וויבאלד דעמאלטס ווערט נישט דערקענט די ליכטיגקייט פון די ליכט, און חז"ל האבן געוואלט מען זאל צינדן דווקא אין א צייט וואס עס דערקענט זיך די שטראל פון די ליכט, צו ווייזן און מפרסם זיין אז מען קען שוין מקיים זיין תורה און מצות וואס איז צוגעגליכן צו א לעכט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ו, כג) **כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר**. (מקץ אות א' ד"ה ולדברי הרמב"ם)




תורמים לזרע שמשון ונושעים.
שמות התורמים
יועברו לתפילה
וברכה ביום המסוגל
זאת חנוכה





אצל מרן ראש הישיבה
הגאון הגדול רבי
משה צדקה שליט"א
ועמוד ההוראה
הגאון הגדול רבי
נפתלי נוסבוים שליט"א
הלומדים בקביעות זרע שמשון
02-80-80-500
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation


## 'הלל והודאה' אלס זכר צו די גרויסע ישועה

**דער** ט"ז (סימן תר"ע ס"ק ג') ערקלערט א טעם פארוואס פורים האבן חז"ל מתקן געווען 'משתה ושמחה', דאקעגן חנוכה האבן זיי נאר מתקן געווען 'הלל והודאה'. וויבאלד פורים איז בעיקר מפורסם געווארן די נס אז מען איז געראטעוועט געווארן פון גזירת המן הרשע וואס האט געוואלט הרג'ענען אלע אידן, אבער חנוכה, טראץ וואס דער אויבערשטער האט געהאלפן אז מען האט געווינען די מלחמה, איז דער עיקר נס מפורסם געווארן פון אויל וואס האט געברענט אין בית המקדש.

לכאורה איז דאס שווער צו פארשטיין, ווייל די נס הנצחון אז די חשמונאים האבן באזיגט די יונים איז געווען זייער א גרויסע נס, אזוי אויך זעט מען אין די נוסח פון 'על הנסים', אז מען דאנקט בעיקר אויף די נצחון המלחמה, מען זאגט: '**רבת את ריבם, דנת את דינם, נקמת את נקמתם, מסרת גיבורים ביד חלשים, רבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים, וזדים ביד עוסקי תורתך**', און נאר נאכדעם דערמאנט מען אין קורצן '**והדליקו נרות בחצרות קדשיך**', זעט מען אז דער עיקר נס איז געווען די נצחון המלחמה נישט די נס פון די מנורה.

נאר דער פשט איז אז די סיבה פארוואס מען צינדט חנוכה לעכט, איז צו מפרסם זיין די גרויסע נס און ישועה וואס דער אויבערשטער האט אונז געראטעוועט פון די יונים וואס האבן נישט געלאזט מקיים זיין תורה און מצות (און די לעכט איז מרמז אויף די ליכטיגקייט פון תורה און מצות).

דעריבער פארשטייט מען אז פורים וואס דער נס איז געווען אויף 'הצלת הגוף' מאכט מען א זכר פון 'משתה ושמחה', וואס ווייזט אז מען איז געראטעוועט געווארן פון גע'הרג'עט ווערן. אבער חנוכה וואס דער נס איז געווען 'הצלת נפשות', דעריבער מאכט מען נאר א זכר פון 'הלל והודאה', צו דאנקען דער אויבערשטער אויף די גרויסע ישועה, (וכעי"ז מתרץ שם הלבוש, ורבינו מוסיף שנס השמן עצמו בא לרמז על הצלת הנפשות). (מקץ אות א' ד"ה אבל זה)


ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו

זרע שמשון ע"ר 580624120